ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

שניאורסאהן

מליובאוויטש

(ערב) חג השבועות

יוצא לאור על ידי מערכת

"אוצר החסידים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ואחת לבריאה

שבעים שנה לנשיאות כ"ק אדמו"ר מה"מ

# (ערב) חג השבועות

א. די גמרא (אין דער סוגיא פון מתן תורה[1]) זאגט: בשני (בסיון) עלה משה וירד, בשלישי עלה וירד . . ברביעי עלה וירד בחמישי בנה מזבח (כדכתיב[2] ויבן מזבח תחת ההר. רש"י) והקריב עליו קרבן.

דארף מען פארשטיין: נאך „ויבן מזבח גו'" דערציילט די תורה[3] ווי משה האט מכניס געווען די אידן בברית — די אידן האבן אויף זיך מקבל געווען „ספר הברית" מיט אמירת „נעשה ונשמע" און משה האט גענומען פון דעם דם (הקר־בנות) „ויזרוק על העם ויאמר הנה דם הברית גו'".

איז ניט גלאטיק: פארוואס זאגן חז"ל בלויז אז „בנה מזבח והקריב עליו קרבן", און ניט דעם המשך — ווי משה האט מכניס געווען אידן בברית[4]?

ואדרבה: בשעת חז"ל ווילן אויס־דריקן די טירחא פון משה רבינו[5] בחמי־שי בסיון צוליב וועלכער משה רבינו האט ניט עולה געווען להר (ווי אין די פריערדיקע טעג) — האבן זיי לכאורה לכל לראש געדארפט זאגן דעם ענין פון כניסת בני ישראל בברית, ווייל דאס איז אן ענין הכי עיקרי אין די הכנות פון קבלת התורה, און מ'קען פארשטיין ווי דאס איז דוחה עליית משה להר — נוסף אז דאס פארלאנגט א ריבוי זמן[6];

משא"כ „בנה מזבח והקריב עליו קרבן" איז ניט קיין אריכות זמן, ובודאי ניט קיין דבר חידוש וואס איז שייך צו מתן תורה דוקא — מען געפינט דעם ענין פון בניית מזבח והקרבת קרבנות ביי אדם הראשון, נח, די אבות וכו' — פארוואס זאל דאס זיין אזוי וויכטיק ביז צו דוחה זיין עליית משה להר?!

אויך איז ניט גלאטיק: פון פשטות לשון הגמרא[7] „והקריב עליו קרבן" איז משמע, אז משה רבינו האט אליין מקריב געווען א קרבן אויפן מזבח שבנה — אבער אין פסוק[8] שטייט „וישלח את נערי בני ישראל ויעלו עולות גו'", אז די הקרבה איז געווען (ניט דורך משה'ן אליין — ווי בניית מזבח וואו די תורה זאגט „ויבן מזבח" — נאר) דורך „נערי בני ישראל"[9].

איז דערפון משמע א דבר חידוש (גדול), אז מיט „והקריב עליו קרבן" מיינט די גמרא[10] (ניט די קרבנות וועל־

---

1) שבת פח, א.

2) משפטים כד, ד. — והוא כהדיעות שפרשה זו לפני מ"ת נאמרה (הדיעות בחז"ל ומפרשים עד"ז — נקבצו בתו"ש שם עה"פ ובמילואים לשם סכ"ו).

3) שם, ו ואילך (ובפרש"י שם).

4) וראה מכילתא יתרו (יט, י"א) „ומה עשה משה בחמישי . . בנה מזבח . . נטל מדם העולה כו'".

5) להעיר מחדא"ג מהרש"א שבת שם.

6) אף שי"ל שכיון שעליותיו להר היו בהשכמה (שבת פו, א (ובפרש"י). פרש"י יתרו יט, ג) — כיון דאידחי (ע"י פעולה קצרה אפילו) אידחי.

7) וכ"ה ברשב"ם משפטים כד, א: בנה מזבח והקריב קרבנות. וראה שוח"ט מזמור א: משה בנה מזבח כו' זה הקריב כו' (אלא שי"ל דקאי על הקרבנות דימי המלואים).

8) משפטים שם, ה.

9) ראה פרש"י ועוד עה"פ. זבחים קטו, ב (ובפרש"י ותוס' שם).

10) אבל במכילתא יתרו שם: „והקריב עליו עולה ושלמים נטל מדם העולה כו' מדם השלמים כו'" — ומוכח לכאורה, שלהמכילתא הקריב משה העולות והשלמים המפורשים בכתוב. ובפשטות י"ל

כע שטייען בפירוש אין פסוק, נאר) אז משה אליין האט מקריב געווען א באזונ־דער קרבן (וועלכער שטייט ניט אין פסוק)[11].

[ויומתק עפ"ז וואס די גמרא זאגט „קרבן" (לשון יחיד) — ניט „קרבנות" ל' רבים (ווי אין פסוק „עולות . . זבחים שלמים . . פרים")].

קומט אויס, אז ניט נאר ברענגט ניט די גמרא דעם המשך הסיפור (פון יום חמישי) וואס שטייט אין פסוק — נאר נאכמער: די גמרא שטעלט אריין א נייעם ענין וואס שטייט ניט אין פסוק!

דערפון גופא איז משמע, אז דער אויפטו פון חמישי בסיון (בשייכות צו די הכנות פון מתן תורה ובפרט — הכנות פון משה'ן) דריקט זיך אויס בעיקר אין דעם ענין פון „בנה מזבח כו'".

ב. דאס איז אויך דער ביאור אין דעם וואס משה האט זיך אליין פאר־נומען מיט בניית המזבח. דלכאורה:

בשלמא דאס וואס משה „הקריב עליו קרבן" — און האט זיך ניט מסתפק גע־ווען מיט די קרבנות וואס די „נערי בני ישראל" האבן געבראכט — איז מובן. ווייל, כידוע[12], איז די מחשבה וכוונה בעת ההקרבה א ענין עיקרי אין קרבנות, איז דעריבער פאראן א חשיבות והידור מיוחד אין א קרבן וואס משה האט אליין מקריב געווען לגבי די קרבנות שהקריבו „נערי בני ישראל".

אבער בניית המזבח, ובפרט ניט אין משכן ומקדש ועאכו"כ ניט ווי א טייל פון זיי — איז דאך לכאורה ניט מער ווי א הכשר, וועלכע האט געקענט געטאן ווערן על ידי אחרים (ובפרט — דורך משרתי משה, זקני ישראל וכיו"ב) — פארוואס האט משה רבינו געדארפט אליין זיך פארנעמען מיט בניית המזבח?

**וע"פ הנ"ל איז עס מובן:**

וויבאלד אז אין דעם בנין פון דעם מזבח איז געווען א חשיבות מיוחדת בשייכות צו מתן תורה (כדלקמן), דערי־בער האט עס געמוזט זיין דורך משה רבינו דוקא (כשם ווי אלע ענינים בשיי־כות צו קבלת התורה זיינען דורכגע־פירט געווארן ע"י משה דוקא).

און דאס איז אויך די הסברה אין דעם וואס די גמרא איז מוסיף „והקריב עליו קרבן" — אז משה רבינו האט אליין מקריב געווען א קרבן אויף דעם מזבח — (נוסף לזה וואס די הקרבה ע"י משה האט בכלל א חשיבות מיוחדת (כנ"ל), איז בנדו"ד דאס געווען אויך צוליב דעם „בנה מזבח", ווייל) — די שלימות פון א מזבח איז ווען מ'איז אויף אים מקריב קרבנות

[וואס דאס איז דער תוכן הענין פון „קיץ המזבח"[13] — אז מ'לאזט ניט דעם מזבח „בטל" פון קרבנות — היות אז די שלימות פון א מזבח איז ווען מ'איז אויף אים מקריב קרבנות].

און דעריבער, בכדי דער „בנה מזבח" זאל זיין בשלימותו, איז דאס פארבונדן דערמיט וואס „הקריב עליו (משה רבינו אליין) קרבן".

ג. דער ענין הנ"ל, אז דער מזבח שבנה משה האט געהאט א חשיבות

---

ד. „הקריב" היינו ע"פ ציוויו (או יש לפרש ע"ד פרש"י ד"ה לישנא אחרינא — זבחים שם).

11) להעיר מתודי"ה וישלח — כריתות ט, א.

12) ראה רמב"ן ויקרא א, ט. ובכ"מ. וראה לקו"ש ח"ז ע' 12 (ושי"נ). ועוד.

13) שקלים פ"ד מ"ד (וברע"ב ותוי"ט שם). כתובות קו, ב. ועוד.

מיוחדת בשייכות צו מתן תורה — געפינט מען אויך בנוגע די קרבנות וועלכע מ'האט מקריב געווען אויפן מזבח:

אויפן פסוקי[14] „עולת תמיד העשוי' בהר סיני" ברענגט די גמרא[15] דרשת ר' עקיבא „קרבה ושוב לא פסקה" — אז דעם קרבן תמיד האט מען מקריב געווען שוין „בהר סיני", ווייל „עולה[16] שהקריבו ישראל במדבר (אויפן מזבח שבנה משה) עולת תמיד הוא" (און פון דעמאלט — „שוב לא פסקה"). און ווי תוספות[17] ברענגט דרשת הספרי[18] „שנעשית בהר סיני קודם לתורה, והיינו בחמישי שבנה מזבח".

וואס לכאורה איז ניט מובן[18*]: עס איז ידוע[19], אז אויך די מצות פון „לפני הדבור"[20], זיינען מיר מקיים (ניט מצד דעם דיבור וציווי פון לפני מ"ת, נאר) „מפני[21] שהקב"ה צוה אותנו ע"י משה רבינו (בסיני[21])" — איז ווי קומט עס, אז די תורה (און תורה שבכתב גופא) זאל מייחס זיין דעם תמיד וואס מ'איז מקריב לדורות צו דער עולת תמיד העשוי' בהר סיני — „שנעשית בהר סיני קודם לתורה"[22]?

וי"ל ומסתבר אזוי זאגן, אז אע"פ וואס דאס איז געווען „קודם לתורה", פונדעסטוועגן, זייענדיק אין דעם טאג פון חמישי בסיון, וואס איז א הכנה (תיכף) צו מתן תורה, האט עס שוין געהאט א גדר ווי (די עולת תמיד פון) נאך מ"ת[23]. ביז אז מ'זאגט אויף דער עולת תמיד לדורות, אז זי איז (די זעלבע עולה) „העשוי' בהר סיני"[24].

און דאס גופא איז דער טעם וואס די תורה איז מדגיש „העשוי' בהר סיני" — דערמיט לערנט תורה דאס גופא, אז די

---

14) פינחס כח, ו.

15) חגיגה ו, ב. וראה ספרי זוטא פינחס שם.

16) ל' השי"ס חגיגה שם, א. — וכן פי' לר"ע, כהמשך הגמ' שם [ובפשטות זה שאמרו (שם, ב) „ר' עקיבא הא נמי דאמרו" הכוונה לדרשתו הנ"ל „קרבה ושוב לא פסקה" דקאי על העולת תמיד דהי' סיון (כמ"ש בתוס' שם). וצ"ע בחי' רעק"א (המלוקט) שם]. ולהעיר מאוה"ת פינחס (כרך ו) ע' אתתקלג.

17) חגיגה שם ד"ה רבי עקיבא (ולכאורה זוהי גם הכוונה בתחילת הד"ה שם).

18) ובספרי (פינחס שם) לפנינו ליתא.

18*) בהבא לקמן — ראה גם אוה"ת משפטים (כרך ח) ע' ג'תב.

19) פיהמ"ש להרמב"ם חולין ספ"ז.

20) ל' השי"ס חגיגה שם (א"ב). וביבמות (ה, ב) גם לענין תמיד.

21) ראה לקו"ש חי"ח ע' 49 והערה 6 שם (ולקו"ש חכ"ד ע' 116 הערה 27) — שכוונת הרמב"ם לשלול גם הציוויים למשה דלפני מ"ת. עיי"ש. ולהעיר מגו"א לפרש"י שלח טו, לב (בסופו).

22) להעיר ממשנ"ת (ואתחנן ה, יב. שם, טז) כאשר צוך, ובפרש"י (משבת פז, ריש ע"ב) „קודם מ"ת במרה". אבל: (א) שם לא מפורש בתושב"כ מקום הציווי (ולכמה מפרשים — ראה רשב"ם, ראב"ע, בחיי (וראה גם רמב"ן) ועוד — קאי על הציווי דדברות הראשונות). (ב) בנדו"ד נאמר לא רק „כאשר צוך", כ"א „העשוי' בהר סיני", שהיא אותה העולה.

23) וראה תוד"ה העולה — יומא לד, א: והיא היתה ראשונה לכל הקרבנות ציבור.

ולהעיר ממ"ש בכמה מפרשים (שרי אבן חגיגה (שם, א). מראה הפנים לירושלמי מגילה פ"א ה"א. ועוד. וראה גם אוה"ת משפטים שם) — דלדעת הבבלי, אין קושיא על המ"ד (זבחים קטו, א) דב"נ לא קרבו שלמים ממשנ"ת „ויעלו גו' שלמים" — כי ע"י קרבנות אלו נכנסו לברית ויצאו מכלל ב"נ (משא"כ להירושלמי מגילה שם. ב"ר פכ"ב, ה ועוד). וראה תו"ש משפטים שם במילואים סכ"ט.

24) ופשוט שאין זה סותר מה שתמיד „ישנו לפני הדבור" (כנ"ל הערה 20) — כי המעלה היא (לא בזה שאין בו התוקף ד„דיבור" דמ"ת — שהרי אי"ז מעלה אלא חסרון — כ"א) בזה שישנו לפני שניתנו שאר המצות ואפילו אנכי (כר' בסיון).

עולה שהקריבו בחמישי בסיון האט גע־האט דעם גדר פון „הר סיני", מתן תורה.

ד. דאס וואס די עולת תמיד פון חמישי בסיון האט געהאט דעם גדר פון „הר סיני" (מ"ת) איז אויך נוגע להלכה:

בנוגע דער „עולה שהקריבו ישראל במדבר" איז דא א פלוגתא[25] צי „טעונה הפשט וניתוח" אדער ניט, און די גמרא[26] זאגט אז עס איז תלוי אין דער פלוגתא פון ר' ישמעאל און ר' עקיבא: לויט ר"י אז „כללות נאמרו בסיני ופרטות באהל מועד" איז דאך דאן נאך ניט געזאגט געווארן די דינים („פרטות") פון הפשט וניתוח; משא"כ לויט ר"ע אז „כללות ופרטות נאמרו בסיני" — איז „טעונה הפשט וניתוח", ווייל אויך „פרטות" (כולל די דינים פון הפשט וניתוח) זיי־נען שוין געזאגט געווארן בסיני.

איז לכאורה תמוה[27]: די עולה האט מען דאך געבראכט לשתי הדעות בחמישי בסיון, קודם מ"ת — איז למאי נפקא מינה צי „פרטות נאמרו בסיני" צו דעם אופן ההקרבה פון דער עולה פון קודם מ"ת?

מוז מען זאגן, אז דאס איז דערפאר וואס די עולה פון חמישי בסיון האט שוין געהאט דעם גדר פון „הר סיני" (מתן תורה)[28]. און דעריבער, לויט ר"ע אז „כללות ופרטות נאמרו בסיני", זיי־נען צוזאמען מיטן ציווי[29] (והוראה מיו־חדת) צו ברענגען אן עולת תמיד בחמישי בסיון אויך געזאגט געווארן „פרטות"[30] (כולל די דינים פון הפשט וניתוח)[31]. ווייל אויך די ציווים פון חמישי בסיון גייען אריין אין „כללות ופרטות נאמרו בסיני".

ה. ואם כנים הדברים — יש לומר די הסברה אין דעם, ובהקדם:

בנוגע דעם ענין פון ערב שבת וערב יו"ט (אז אין דעם טאג פאר שבת ויו"ט הויבן זיך אן די הכנות צו שבת ויו"ט) — געפינט מען, אז דאס איז אן ענין ניט נאר מצד הגברא

— כדי דער אדם זאל קענען היטן שבת ויו"ט כדבעי, פאדערט זיך א הכנה מצדו, אז ער זאל זיין גרייט צו אויפ־נעמען די עניני שבת ויו"ט, ועפ"ד מחז"ל[32]: מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת מי שלא טרח כו' —

25) זבחים קטו, ב. וראה גם חגיגה שם, ב. וראה ירושלמי ובי"ר שם ובמפרשים.

26) זבחים שם. וראה גם חגיגה שם.

27) בקושיית רעק"א חגיגה שם. — ובמאירי חגיגה שם (ע"א): עולת תמיד כו' נצטוו עלי' במרה . . כללות ופרטות נאמרו בציווי ראשון הן במרה הן בסיני.

28) וגם לר' ישמעאל אפשר לומר, דזה שהקריבו עולות ושלמים אז, הרי אותו הגדר דעולות ושלמים דלאחר מ"ת („ונבחת עליו גו'" — יתרו כ, כא — הובא בפירש"י חגיגה (ס"א) וזבחים (סע"ב) שם), אלא דמכיון שעדיין לא נאמרו „פרטות", לא היתה טעונה הפשט וניתוח (ראה מסקנת הגמ' חגיגה שם, ב: שאין הפשט וניתוח אלא מאהל מועד ואילך ממי מכאן ר' ישמעאל).

29) ראה רש"י חגיגה שם ד"ה ואי ס"ד: והוכת הדורות מפי הגבורה (וראה בד"ה שלאחריו „עולת ראי' . . ומאיליהם הקריבוה"). וראה טורי אבן שבהערה הבאה.

30) ראה טורי אבן (אבני מילואים) חגיגה שם (ד"ה מי איכא, קרוב לסופו). — ועפ"י המבואר בפנים (דמשי"נ „העשוי' בהיסי' מלמד דהתמיד דהי' סיון הי' בו הגדר דמ"ת) יומתק ביותר מ"ש בטו"א שם דאין לומר בנוגע להקרבת התמיד שהיתה הוראת שעה. ע"ש.

31) ע"ז ג, א.

נאר דאס איז אויך אן ענין מצד החפצא, מצד שבת ויו"ט עצמם. אז אין ערב שבת וערב יו"ט איז שוין דא א „מעין" (ובמילא — גדר) פון קדושת שבת וקדושת יו"ט.

נאר אין דעם גופא (אין דער קדושת שבת ויו"ט וואס הויבט זיך אן בערב שבת ויו"ט) זיינען פאראן כמה דרגות. ולדוגמא:

אין דעם זמן הכי סמוך צו שבת איז דא דער ענין פון הוספה „מחול על הקודש", ובלשון חז"ל[32], אז שבת איז (ווי א „זאב" וואס איז) „טורף מלפניו ומלאחריו". און ווי גערעדט אמאל בארוכה[33] מיינט עס, אז דער ענין פון תוספת שבת איז ניט (נאר) א דין אין גברא — אז ער דארף מוסיף זיין מחול על הקודש (מקבל זיין אויף זיך תוספת שבת)[34] — נאר אז דאס קומט פון שבת און ווערט א הוספה אין שבת אליין: שבת איז „טורף" מלפניו ומלאחריו, ווייל די קדושה פון שבת ווערט נתפשט אין דעם זמן הכי סמוך אליו[35].

נאך פריער — דער זמן פון ערב שבת (ויו"ט) לאחרי חצות, ווען מען טאר ניט זאגן קיין תחנון — וואס דאס ווערט אויפגעטאן (ניט מצד הכנת הגברא, נאר) דערפאר וואס קדושת שבת ויו"ט איז שוין מאיר אין דעם זמן באופן אז עס איז שולל דעם ענין פון אמירת תחנון.

ועד"ז איז בנוגע צו כלות היום פון ערב שבת ויו"ט — אז דאס וואס ער ווערט ע"פ תורה אנגערופן מיטן תואר „ערב שבת", איז דאס דערפאר וואס אין דעם טאג הויבן זיך שוין אן די עניני שבת ויו"ט[36].

[ובסגנון פון תורת החסידות: די „גילויים" פון שבת ויו"ט זיינען שוין מאיר, א „מעין" פון זיי, אין ערב שבת ויו"ט].

ו. דערפון איז אויך פארשטאנדיק בנוגע יעדן יו"ט און אויך ווי עס איז גע־ווען בפעם הראשונה — וואס יעדער יו"ט האט דאך זיין „מועד" (באשטימטן זמן בשנה)[37] — אז די עניני היו"ט האבן זיך שוין אנגעהויבן אין דעם „ערב" שלו.

ועד"ז ווי מען געפינט ביי חג הפסח, אז דער זמן פון הקרבת הפסח (וואס „ואמרתם[38] זבח פסח הוא לה' אשר פסח גו'") איז בי"ד בניסן, כאטש אז דער „ופסח ה'"[39] איז ערשט געווען בליל ט"ו ניסן (וואס דעמאלט הויבט זיך אן חג הפסח[40]).

ועד"ז איז בנוגע צו מתן תורה[41],

---

32) מכילתא יתרו כ, ח. וראה לקו"ש חט"ז (ע' 231 הערה יח) כמה נוסחאות בלשון המכילתא.

33) לקו"ש שם ע' 233 ואילך.

34) וראה לקו"ש שם — ב' אופנים בזה גופא.

35) עיי"ב לקו"ש חי"ט ע' 58.

---

36) ראה אבודרהם סדר תפלות השבת בתחלתו „כי בערבי ימים טובים . . נוהגין שלא ליפול על פניהם לא בשחרית כו' והטעם . . ובקרביהם כבר הובדלו העם ממלאכה וקדש היום והם אסורים במספד ותענית כו'". וראה שם, שגם בערבי שבתות הי' צ"ל כן, אלא ש„אם היינו עושין כן לשבתות הרי חצי השנה לא היינו מתחננים". עיי"ש.

37) להעיר מרד"ה תקעו תרפ"א, תרצ"א (סה"מ קונטרסים ח"א קכב, א"ב).

38) בא יב, כז.

39) שם, כג.

40) כפי שנק' בלשון חכמים (וגם בלי תורה — ראה תשא לד, כה. וראה הנשי"פ עם לקוטי טעמים מנהגים וביאורים (קה"ת, תשמ"ו־ז) ע' תרסח בהערה).

41) ואדרבה: בנוגע למ"ת הוא ביותר שאת כו' לגבי שאר יו"ט — כי מ"ת קשור עם יום חמשים

בששי בסיון[42] — אז שוין אין חמישי בסיון, ערב מתן תורה, האָבן זיך אָנגעהויבן די ענינים פון מתן תורה[42*].

און דאָס איז די הסברה אין דעם וואָס די קרבנות פון חמישי בסיון האָבן געקענט האָבן דעם גדר פון קרבנות שלאחרי מ״ת — מצד דעם וואָס דעמאָלט האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער גדר און גילוי און די פעולה פון מתן תורה.

עפ״ז איז אויך פאַרענטפערט וואָס די גמרא זאָגט „בחמישי בנה מזבח כו׳" און דערמאָנט ניט אַז משה האָט מכניס געווען די אידן בברית כו׳:

די פעולות וואָס משה און די אידן האָבן געטאָן להכנס בברית (ווי אמירת נעשה ונשמע, הזאת הדם כו׳) — זיינען נאָר די הכנה מצד די אידן, וואָס מאַכט זיי מוכשר צו קבלת התורה, אָבער דאָס איז ניט קיין „טייל" פון מתן תורה גופא;

מתן תורה קומט מלמעלה, בדרך מתנה, מצד הנותן.

משא״כ אין דעם מזבח שבנה משה (און דעם קרבן שהקריב עליו[43]) האָט זיך שוין אָנגעוויזן די (דוגמת) פעולה פון מ״ת עצמה; און דערפאַר איז דאָס אַ חידוש עיקרי פון חמישי בסיון, ערב מתן תורה[44].

ז. אָבער עס פאָדערט זיך הסברה: פאַרוואָס האָט דער ענין פון מ״ת (וועלכער איז שוין געווען בערב מ״ת) זיך אויסגעדריקט דוקא אין דעם ענין פון „בנה מזבח והקריב עליו קרבן", און ניט אין אַן אַנדער ענין?

איז דערפון מובן, אַז אין דעם גיט זיך אַרויס די נקודה עיקרית פון מ״ת.

וי״ל הביאור בזה: דער תכלית פון מ״ת איז, וואָס דורך דעם איז געגעבן געוואָרן דער כח אויך צו מאַכן פון זאַכן (חפצא) פון וועלט — חפצא דקדושה[45]. ובל׳ הידוע — דורכפירן כוונת הבריאה לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים[46], אַז מען זאָל מזכך זיין די „גשמיות הגוף והעולם" ביז מ׳זאָל קענען מקבל זיין דעם „גילוי אור ה׳ שיאיר לישראל ע״י התורה"[47].

[דערמיט איז דער אַלטער רבי

לומר, המשכת שער הנו״ן (לקו״ת פרשתנו י, ד. שה״ש לה, ג. וראה לקו״ש חי״ג ע׳ 996 ואילך) — שזה הי׳ בחמישי בסיון (שהרי מ״ת הי׳ ביום נ״א לעומר — שו״ע אדה״ז או״ח סתצ״ד סוס״א).

42) וגם לר׳ יוסי שהי׳ בז׳ בסיון (שבת פו, ב) — הרי זה משום שמשה הוסיף יום אחד מדעתו (שם פז, א), אבל מצד הקב״ה „היתה ראוי׳ לינתן בששי" (תודי״ה יום הששי — ע״ז ג, א). וראה לקו״ש חי״ד ע׳ 1029 הערה 24. די״ל דגם לר׳ יוסי, מצד ההמשכה שמלמעלה הי׳ התורה ראוי׳ לינתן ביום הנ׳ לעומר (ו׳ סיון) לפי שאז הוא המשכת שער הנו״ן (כנ״ל הערה הקודמת).

42*) ובאוה״ת משפטים (שבהערה 18*) מקשרו עם הקדמת נעשה לנשמע דחמישי בסיון. וראה גם צל״ח פסחים סח, ב.

*) וראה אוה״ת (שבהערה 18*): סמוך למ״ת שני ימים.

43) ויש לומר שקרבנו של משה לכו״ע הי׳ בו החשיבות דמ״ת (משא״כ דנערי בנ״י דתלוי בהדיעות (חגיגה שם, א־ב) אם עולת ראי׳ הוא או עולת תמיד. ועוד. ואכ״מ).

44) ולהעיר מסדר הענינים במכילתא (שבהערה 4): זה יום ששי שנתנה בו תורה ומה עשה משה בחמישי השכים בבקר ובנה מזבח כו׳.

45) ראה בארוכה לקו״ש חט״ז ע׳ 212 ואילך.

46) תנחומא נשא טז. ועוד. תניא רפל״ו.

47) ל׳ התניא שם בסוף הפרק.

מבאר[48] דעם טעם וואס מ'איז ניט יוצא די מצוה פון תלמוד תורה מיט הרהור אליין, נאר עס מוז זיין דער ענין פון דיבור בתורה — ווייל דער תכלית פון מצות ת"ת איז צו ממשיך זיין דעם „אור ה'" אויפן גוף ונפש הבהמית, און דאס ווערט אויפגעטאן דורך עקימת שפתיו דוקא, דהוי מעשה].

און אט דער ענין (פון זיכוך גשמיות העולם) שטייט בגלוי אין דעם ענין פון מזבח וקרבנות — וואס מען נעמט אבנים גשמיות און מען מאכט זיי א מזבח לה', און עד"ז קרבנות — וואס מען נעמט א בהמה גשמית און דורך איר הקרבה ע"ג מזבח ווערט עס נתקרב און אויפגעהויבן פון חול ביז עס ווערט קדושה בגלוי[49].

און דערפאר האט דער גילוי פון מ"ת בערב מ"ת זיך אויסגעדריקט אין דעם ענין פון „בנה מזבח והקריב עליו קרבן".

ח. דערמיט וועט מען אויך פארשטיין וואס דער ענין פון „בנה מזבח והקריב עליו קרבן" איז א סיבה וואס דערפאר משה „לא עלה" (להר) ודוחה העלי'. דלכאורה:

משה האט געדארפט בויען א מזבח („שתים עשרה מצבה לשנים עשר שבטי ישראל"[50]) מיט אלע פרטים[51] בשייכות צו כניסת בנ"י לברית — אבער דאך האט ער געקענט געפינען זמן באותו היום צו עולה זיין להר (לכל הפחות אויף א זמן קצר) לפני זה[52]?

[ועד"ז ווי ביום רביעי, וואס משה האט (נאכן אראפגיין פון הר) געהאט זמן צו (א) דערציילן אידן „את כל דברי ה' ואת כל המשפטים"[53] (מצות פרישה והגבלה, און די ז' מצות ב"נ ושבת כו' שניתנו להם במרה[54]), און (ב) שרייבן „מבראשית ועד מתן תורה" און „מצות שנצטוו במרה"[55] — און דאס אלץ[56] אין דעם זעלבן טאג!].

איז דער ענין אין דעם: דער „ערב" (און הכנה) צו מתן תורה איז דער חידוש זיינער און ער באשטייט (ניט אין פעולות פון „עולה" זיין למעלה להר, נאר פארקערט) דוקא אין דער „ירידה" און פעולה אין חפצא פון וועלט, כנ"ל, אין דער עבודה אין „תחתונים"[57] — בויען א מזבח (פון אבנים גשמיות) און מקריב זיין א בהמה גשמית ע"ג מזבח

— עד"ז ווי כללות ענין פון מתן תורה איז געווען אין אן אופן אז „וירד הוי' על הר סיני ונתן את התורה . . על הארץ דוקא" — כאטש אז „הי' יכול להעלות את ישראל למעלה על השמים ליתן להם התורה בשמים" — ווייל די „כוונה בנתינת התורה הוא שיהי' עבודת הבירורים למטה"[58].

---

48) שם רפל"ו (מז, א). וראה ג"כ שם ספמ"ט.

49) ראה ג"כ לקו"ש חט"ו ע' 479 ואילך. ועוד.

50) משפטים כד, ד. ובפרט לדעת חכמים (מכילתא יתרו שבהערה 4) „י"ב מצבה על כל שבט ושבט כו'".

51) ובפרט שבכמ"פ שם נזכר רק ש„בנה מזבח והקריב כו'", ותו לא.

52) ראה לעיל הערה 6.

53) משפטים שם, ג.

54) פרש"י שם.

55) פרש"י שם, ד.

56) ולדעת המכילתא יתרו שם, אחרי בניית המזבח והקרבת העולה כו' — קרא (בו ביום) מ„בראשית כו'". עיי"ש.

57) ראה גם לקו"ש חי"ד ע' 1026 ואילך.

58) סה"מ תש"י ס"ע 224. ועד"ז בכ"מ.

ט. עס איז ידוע דער כלל[59] אז „(לעולם) קוראין (פרשת) במדבר סיני קודם עצרת". און די שייכות פון „במדבר" צו „עצרת"[60] איז א שייכות גלוי[61] — ווי חז"ל[62] זאגן (אויפן פסוק[63] „וממדבר מתנה") כמה טעמים פאר־וואס די „מתנה" פון תורה איז פאר־בונדן מיט „מדבר" דוקא.

און אין דעם איז דא א שייכות מיוחדת פון פרשת במדבר צו ערב שבועות (חמישי בסיון) — ולהעיר אז בשנה זו (תשמ"ה) איז שבת פרשת במדבר חל בחמישי בסיון:

איינער פון די ענינים אין „מדבר" וואס ברענגט[64] די „מתנה" פון תורה, איז בלשון חז"ל[65] „אם אדם משים עצמו כמדבר זה שהכל דשין בו[66] תורה ניתנה לו במתנה" — ביטול.

וואו געפינט מען דעם ענין בגלוי ובהדגשה ביי מתן תורה — איז דאס דער ענין פון הקדמת נעשה לנשמע, וואס ווייזט אויף א ביטול בשלימות צום אויבערשטן[67] („משים עצמו כמדבר"[68]) — וואס אמירת „נעשה ונשמע" איז געווען (כנ"ל) בחמישי בסיון.

אבער ע"פ המבואר לעיל אז דער עיקר חידוש פון חמישי בסיון (בשייכות צו מ"ת) איז אין דעם וואס „בנה מזבח והקריב עליו קרבן", דארף מען זאגן, אז אויך דער ענין איז פארבונדן מיט „מדבר".

איז דער ביאור אין דעם:

דער טעם וואס תורה איז געגעבן גע־ווארן אין א מדבר דוקא, איז כמחז"ל [נוסף מצד די „תכונות" פון מדבר וואס דארפן זיין אין דעם גברא — האדם („משים עצמו כמדבר זה כו'", וכיו"ב[69]), אויך] אין דער חפצא פון תורה, זי איז הפקר לכל כמדבר[70]. — ועוד אין עבודת האדם בדוגמת מקום המדבר:

די כוונה פון מ"ת איז (כנ"ל) — וואס אין תורה איז געגעבן געווארן דער כח צו מאכן פון חפצא פון וועלט — חפצא דקדושה, מאכן א דירה לו ית' בתחתו־נים, וואס „תחתונים" מיינט (ווי דער אלטער רבי איז מבאר[71]) — „התחתון במדרגה שאין תחתון למטה ממנו בענין הסתר אורו ית' . . עד שהוא מלא קליפות וס"א שהן נגד ה' ממש".

און דערפאר איז תורה געגעבן גע־

59) רמב"ם הל' תפלה פי"ג ה"ב („המנהג הפשוט"). טושו"ע או"ח סתכ"ח ס"ד.

60) ראה לקו"ש ח"ח ע' 1 הערה 1. ועוד.

61) ראה גם לקו"ש שם ס"ע 236 ואילך.

62) עירובין נד, א. במדב"ר פי"ט, כו. תנחומא חוקת כא.

63) חוקת כא, יח.

64) אין הכוונה שזה ממשיך הענין דמ"ת — כי „מתנה" באה מצד הנותן (כנ"ל ס"ז. ועיי"ג לקו"ת פרשתנו ה, סע"א. ועוד) — אלא שלאחרי הקדמת הביטול „באה ממילא בתורת מתנה" (לקו"ת שם. ועוד).

65) עירובין שם.

66) ובתנחומא שם הלשון „מפנה עצמו מן הכל" (ועד"ז בבמדב"ר שם).

67) ובפרט ע"פ המבואר בחסידות (לקו"ת פרשתנו יד, א. שה"ש כב, א (וראה לקו"ת ברכה צט, ג). ובכ"מ) שוהו"ע הביטול לבעל הרצון.

68) ראה גם לקו"ש שם ע' 237 ואילך.

69) ראה במדב"ר פרשתנו פ"א, ז.

70) ראה במדב"ר ותנחומא שבהערה 62. במדב"ר פרשתנו שם.

71) תניא פל"ו.

וואָרן אין אַ מדבר[72], וואָס אַ מדבר — שלא ישב אדם (העליון) שם[73] — איז מקום הקליפות והס"א[74]. און דאָס איז דער ענין פון תורה, צו איבערמאַכן דעם „מדבר" פון עוה"ז צו אַ דירה לו ית'.

און דאָס איז דער אויפטו פון חמישי בסיון, אַז שוין אין ערב מתן תורה האָט זיך אָנגעהויבן די עבודה פון „מברר" זיין דעם מדבר דלעה"ז, דורך נעמען פון די אבנים שבו און מאַכן פון זיי אַ מזבח[75] לה'[76].

יו"ד. און דאָס איז אויך די הוראה לכאו"א:

בשעת עס קומט דער טאָג פון חמישי בסיון בכל שנה ושנה — איז הימים האלה נזכרים ונעשים[77]: מען דאַרף וויסן, אַז די הכנה צו מתן תורה דאַרף באַשטיין (ניט אַ תנועה פון וועלן אָפּזונדערן זיך פון וועלט, נאָר אדרבה) אין מאַכן פון גשמיות העולם אַ דירה לו ית'.

און דעם כח אויף דעם נעמט מען פון משה רבינו (וואָס ער האָט בונה געווען דעם מזבח והקריב עליו קרבן) — די בחינת משה רבינו וואָס איז פאַראַן אין „כל נפש ונפש מבית ישראל"[78] — וואָס ער גיט דעם כח, אַז אפילו ווען מ'שטייט אין חמישי בסיון, נאָך פאַר מ"ת

— אין דער דרגא פון מ"ת בשנה זו, מתן מחדש און באופן פון יהיו בעיניך חדשים[79], מתן וועלכע איז דאָך בדרגא פון מעלין בקודש לגבי פאַריאָרן —

זאָל זיין דער „בנה מזבח והקריב עליו קרבן", דורך וועלכן מען פירט דורך כוונת הבריאה, צו מאַכן די וועלט אַ דירה לו ית'.

(משיחות ש"פ במדבר (ערב חגה"ש
תשל"א, ליל ערב חגה"ש תשמ"ג)
לקו"ש חכ"ח)

72) ראה עד"ז לקו"ש חכ"א (ע' 154 ואילך) במעלת המשכן לגבי ביהמ"ק שבירושלים — לפי שהי' במדבר דוקא.

73) ירמי' ב, ו. לקו"ת פרשתנו ד, ג (וראה גם שם ב, סע"ב). נשא כ, ג. ראה לב, ב. ועוד.

74) לקו"ת שם.

75) להעיר מהשקו"ט בענין לשמה בבנין מזבח (ראה מכילתא, מכילתא דרשב"י ורש"י יתרו כ, כא. צפע"נ עה"ת שם (וש"נ). לקו"ש חכ"א ע' 255 הע' 38).

76) להעיר אשר באותם הימים לא הי' משה פונה לעסקיו (מכילתא ורש"י יתרו יט, יד), אפילו לא לעסקי משה, כ"א ממוצע המחבר בין ה' וביניכם (ואתחנן ה, ה. וראה סד"ה פנים בפנים תרנ"ט. ועוד), מן ההר (השם) אל העם (יתרו שם).

77) אסתר ט, כח וכפי' האריז"ל — ראה רמ"ז בס' תיקון שובבים, הובא ונת' בס' לב דוד (להחיד"א) פכ"ט.

78) תניא רפמ"ב.

79) במכש"כ שבכל יום צ"ל חדשים.

## בשורת הגאולה

# טז.

דער מינוי פון דוד מלכא משיחא איז דאָך שוין געווען, כמ"ש[1] „מצאתי דוד עבדי בשמן קדשי משחתיו", עס דאַרף נאָר זיין קבלת מלכותו ע"י העם און די התקשרות צווישן דעם מלך מיט דעם עם בשלימות הגילוי — בגאולה האמיתית והשלימה.

(משיחות ש"פ משפטים, פ' שקלים, מבה"ח אדר תנש"א)

1) תהלים פט, כא.

# הוראות כ"ק אדמו"ר שליט"א לחג השבועות

**ע"פ הוראת חז"ל[1] דמזכירים "ומזרזין . . בשעת מעשה" — כאן המקום להזכיר ולזרז עוד הפעם אודות הענינים דלקמן שהזמן גרמא:**

**א) ב"תיקון ליל שבועות" — בכל הדפוסים שראיתי — הסיום דספר יצירה הוא: ". . . נאמנת בפנים . . אחד בפה ואחד בלב".**

**ולפענ"ד אינו נכון. כי (נוסף לזה שחסר סיום בדבר טוב, הרי) נוסח זה אינו מובן כלל.**

**וצריך להיות, כמו שהוא בכו"כ הוצאות דספר יצירה הנדפס בפ"ע: ". . .** נאמנת ג׳ רעות ללשון דיבור רע והמלשין והמדבר אחד בפה ואחד בלב ג׳ טובות ללשון שתיקה ושמירת הלשון ודיבור אמת".

**ומענין לענין: ב"תיקון" שנדפס בסלאוויטא (ועוד) בהעתקת מאמרו של רשב"י: "אנן בחביבותא תליא מילתא דכתיב כו'", הובאו רק ב' פסוקים.**

**וצ"ל כבזהר:** "אנן בחביבותא תליא מילתא דכתיב ואהבת את ה' אלקיך וכתיב מאהבת ה' אתכם וכתיב אהבתי אתכם אמר ה'"[2].

**ב) כמדובר כמה פעמים — ע"פ מרז"ל[3] "אמר הקב"ה לישראל בני היו קורין את הפרשה הזאת בכל שנה ואני מעלה עליכם כאילו אתם עומדים לפני הר סיני ומקבלין את התורה" — כשם שאמירת עשרת הדברות בפעם הראשונה היתה בנוכחות כל עם ישראל, אנשים נשים וטף, גם הקטני קטנים — כדאי להשתדל אשר בעת קריאת הפרשה הזאת בזמן מ"ת בכל שנה ושנה,**

כל בני ישראל, גם הקטני קטנים(ות), יהיו בבית הכנסת (לכל הפחות) בעת קריאת עשרת הדברות.

**ולהעיר אשר מ"ת הוא ע"י אשר** "בנינו **עורבים אותנו"[4].**

**ג) הרגילים בנתינת צדקה בכל יום** — בערב חה"ש זה יתנו גם בעד שני הימים דחג השבועות. **ועד"ז בכל עש"ק[5] וערב יו"ט כו'[6].**

(משיחת יום ב׳ דחה"ש תשמ"ג)

---

1) **מכילתא** (ורש"י) יתרו יט, כד.

2) **עיין לקוטי לוי"צ הערות לזהר פ' נשא ס"ע שנה ואילך — ביאור ג' פסוקים אלו.**

3) **פסיקתא דר"כ פ' בחודש השלישי** (הובא ברוקח סרצ"ו).

4) **שהש"ר פ"א, ד (א).**

5) **אף ד"פרש שבחכם לא קאמר" ואצ"ל הכנסת אורחים כביו"ט** (וח"כ פח, ב. **סידור עם דא"ח רא, א. שם ד"ה יגלה לן — רג, ג ואילך).**

6) **ועיין תניא פל"ז** (מח, ב).

לזכות

הרה"ת ר' שלום בן פריידא שיחי'

לרפואה שלימה וקרובה
לאויוש"ט ובריאות
ובכל המצטרך